# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn


### Title
M. Erlikhs “Khelmer Dertseylungen” un Y. Zipers “Fun Nekhtn Un Haynt” (M. Erlich’s “Chelm Stories” and I Zipper’s “From Yesterday and Today”)


### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/7s18f3wg



### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)



### Author
Shloser (Schlosser), Zalmen (Zalman)



### Publication Date
1979



### Copyright Information
Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

## זלמן שלאָסער

# I

# „כעלעמער דערציילונגען"

## פון ברוך מרדכי ערליך, תל־אביב, 1977

די קורצע און גוט געשריבענע דערציילונגען פון ב. מ. ערליך לייענען זיך לייכט, אָן אָנשטרענגונג. און עס שאַדט גאָר נישט וואָס נאָכן לייענען דאַכט זיך, אַז דאָס אַלץ איז שוין באַקאַנט פון פריער — באַקאַנט סיי פון דער פאַראַנענער ליטעראַטור און סיי פון אייגענעם לעבן, אפילו ווען מען איז אַליין נישט קיין כעלעמער. וואָרעם דאָס זיינען נישט קיין מעשיות פון באַקאַנטן „כעלעמער" זשאַנער, די „חכמה" פון כעלעמער יידן. דאָס זיינען ערלעכע שילדערונגען פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין פוילן, געשריבן לויטן נוסח פון דער פאָלקס־טראַדיציע און שטייגער אין אַ פאָלקסטימלעכער שפּראַך, פשוט און קלאָר. מ'פילט טאַקע גאָר שטאַרק די בענקשאַפט און נאָסטאַלגיע נאָך דעם „אַמאָל איז געווען", ווי דער שרייבער געדענקט דאָס מסתמא פון זיין אייגענער קינדהייט און פריער יוגנט. נאָר דאָס מוז נישט זיין קיין חסרון. אין דעם פריען עלטער קען דאָס גרויע לעבן ווערן אַ בלויע אידיליע מחמת די קינדישע פאַנטאַזיע און די נאַטירלעכע האָפענונג פאַרבן דאַן די ווירקלעכקייט מיט העל־בלויע קאָלירן. דאָס שווערע לעבן ווערט אין דער קינדישער נשמה גרינג און אפשר אויך אנגענעם, ווייל נאָך פריי פון פאַרפלאָנטערטע קאָנפליקטן אָדער פון ביטערע דערפאַרונגען. אפילו ווען דער שאָטן פון דע ראייגענער אָרעמקייט ווערט דער שטענדיקער באַגלייטער.

בכלל איז דאָס יידישע לעבן אין פוילן קיין גן־עדן קיין מאָל נישט געווען, כאָטש עס זיינען געוויס געווען קורצע איבערגאַנגס־צייטן ווען די שרעק פאַר רדיפות און פאַגראָמען איז נישט געהאַנגען איבער זייערע קעפּ. מען האָט, הייסט עס, געלעבט בשלום מיטן גורל.

אַזאַ רעלאַטיוו רואיקע צווישן־צייט האָט ב. מ. ערליך זיך פאַרמאָסטן צו שילדערן אויף זיין באַשיידענעם אופן. לויט דעם שטילן און רואיקן טאָן פילט מען, אַז די גרויסע וועלט האָט ווייניק וואָס אָנגעריירט כעלם. און אויב אפילו יאָ קען מען אויך נישט האָבן קיין טענות צום מחבר, מחמת אַזוי האָט ע ר דאָס געזען. און אַזוי האָט דאָס מסתמא אויך געזען דער ייד וואָס האָט געוואָלט צופּאַסן זיין לעבן צו זיין יידישקייט און נישט פאַרקערט—זיין יידישקייט צופּאַסן צום לעבן. ס'איז דעריבער קלאָר פאַרוואָס די „פרעמדע" נישט־יידישע וועלט איז געבליבן, ווי דער יצר הרע, הינטער דער טיר. אין דער יידישער היים פון כעלם האָט מען די גרויסע „פרעמדע" וועלט נישט אַריינגעלאָזט. און אויך דער מחבר האָט זיך מסתמא אויך שטאַרק געהיט, אַז די פרעמדע וועלט זאָל זיך נישט אַריינגנבענען אין זיינע דערציילונגען.

---

רעפּאַשנע יידישע פאָלקס־מענטשן מיט אַ פרומען סאָציאַליסטישן אידעאַליזם; גלויביקע יידישע אַרבעטס־מענטשן וועלכע הערן נישט אויף צו האָפן אויף אַ באחרית הימים. און ווען איר פאַרענדיקט דעם ניו־יאָרקער יידס אינערלעכע ביאָגראַפיע פילט איר אַז הגם ער איז ווייט אין לעבנס־סטיל, אין השגות, אין וועלטבאַנעם, אין גייסטיקע אינטערעסן פון דער בראַנזווילער וועלט פון זיינע עלטערן, שטרעבט ער פון דעסטוועגן, פונקט ווי זיי, נאָר מיט אַנדערע מיטלען, מתקן צו זיין די וועלט, און ער זעט זי אויך מיט יידישע אויגן. און הגם אַ יידיש־יידישער ייד וויסט אַז האַרץ־יידישקייט איז נישט גענוג, און איז נישט קיין גאַראַנטיע פאַר אַ שעפערישן יידישן המשך, געדענקט ער אויך אַז זיי, די פרעמד־שפּראַכיקע יידן האָבן אויך צוגעטראָגן זייער חלק צום יידישן נצח, און זייער ביטראָג איז עלול צו ברענגען אַהיים די אָפּגעפרעמדטע.

פון דעסטוועגן ווערט דער לייענער אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַריינגעצויגן אין די קורצע אָבער אויך לעבעדיקע שילדערונגען. דאָס באַוויזט דעם קינסטלערישן חוש פונעם שרייבער. וואָרעם אין תוך איז דאָס לעבן אין אַזאַ צווישן־צייט געווען גאַנץ מאָנאָטאָן. אויבנאויף האָט דאָ גאָרנישט פּאַסירט. אויב עפּעס דראַמאַטישעס האָט זיך יאָ פאַרלאָפן איז דאָס געווען ווען באַשע שפּרינצע האָט „פאַרקאָכט אַ קאַשע" מיט אַן אתרוג, אָדער ווען דער חסידישער יונגערמאַן, דעם קרעטשמערס זון, גרשון, איז צוריקגעקומען פון „פּאַניען" און דערציילט, אַז די גאַנצע פיר יאָר וואָס ער האָט געדינט האָט ער נישט געגעסן פון „קעסל". ער האָט געפירט אַ טאָפּלט לעבן: גרשון דער געזונטער סאָלדאַט מיט דער צוואַנג־דיסציפּלין פון מיליטער דינסט און גרשון מיט זיין אייגענער יידיש־פרייוויליקער, שטרענגער דיסציפּלין פון פרומקייט וואָס ער האָט געירשנט פון דור־דורות. אַ יידישער העלד! פיר יאָר צייט האָט ער זיך אויסגעהיט נישט צו עסן טרפות, פון „קעסל". זיין הונגער האָט ער געזעטיקט מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט. גאַנץ כעלם האָט באַוווּנדערט זיין העלדישקייט.

חוץ אַ זעלכע „דראַמאַטישע" געשעענישן איז אין טאָג דאָך געווען ענלעך צו אַ צוויטן. בלויז דעם שרייבערס קינסטלערישער חוש צו קענען זען אין די וואָכעדיקע טעג די אָפּשפּיגלונג פון דעם שבת און יום־טובדיקער דערהייבנקייט מאַכט זיינע דערציילונגען אינטערעסאַנט און לעבעדיק.

די פינף און דרייסיק קורצע דערציילונגען שטעלן מיט זיך פאַר אַ שיין אויב אפילו אַ באַשרענקט בילד פון אַ פאַרגאַנגען יידיש לעבן. שוין די ערשטע עטלעכע זייטלעך, די שילדערונג פון כעלמער טייך לאָזט אונדז וויסן אַז עס לוינט זיך צו לייענען ווייטער. מיר ווערן אַריינגעפירט אין אַ וועלט פון שווערער אַרבעט, פון מאַטעריעלער אָרעמקייט אָבער גייסטיקער עשירות, שבתדיקער מנוחה און שלווה. ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימל, אַ גאָט אין האַרצן. מען דערשלעפּט קוים די זעקס וואָכעדיקע טעג, און דערוואַרט זיך קוים אויפן שבת און יום־טוב. ווען דאָס געפיל פון דערהויבנקייט פלעגט אַרומנעמען און באַהערשן יעדן איינעם: —

„דער פּונק קדושה אין מענטש, וואָס אין די וואָכעדיקע טעג איז ער פאַרצויגן ווי מיט אַש און שטויב, אַט דער דאָזיקער פאַרבאָרגענער טיף וואַרעמער יידישער פּונק צעגליט זיך. ער רייסט זיך אַרויס פון אַלע שליירן און באַהערשט דעם יידישן מענטש, צעוואַרעמט דאָס האַרץ און אַלע איברים."

אַט דער קדושה געפיל, וואָס באַהערשט נאָך אפילו היינט דעם מחבר פאַרטונקלט נישט זיין אויג צו קענען זען ווי שווער דער ייד האָט זיך געמאַטערט אין די זעקס וואָכעדיקע טעג, ווי מיר זען דאָס אין זיין שילדערונג פונעם בעל־עגלה משה קאַטיק און דעם קרעטשמער זעליק מיט זיין ווייב שיינטשע. — זעליק, האָסט שוין געמאַכט דעם חשבון? — פרעגט שיינטשע. „זעליק, באַרעכן, היינט זענען מיר נאָך יונג, מיר אַרבעטן ווי די פערד אַרום די דאָרפישע פויערים און פויערטעס. אָבער וואָס וועט זיין דער תכלית?"

דער תכלית, ווייזט אויס, איז געווען אין דעם אייביקן ווונטש צו דערציען די קינדער, „לתורה, לחופה ולמעשים טובים." הונדערטער יאָרן האָבן יידן געלעבט אין פרעמדע לענדער אָבער אין אַן אייגענער יידישער וועלט. ברוך מרדכי ערליך האָט זיך באַמיט צו שאַפן אַ בילד פון אַט דער יידישער וועלט אין מיניאַטור, אַזוי ווי ער האָט דאָס געזען.

* * * * *

# II
# „פון נעכטן און היינט"

## אַ נייער באַנד פּראָזע פון יעקב זיפּער מאָנטרעאַל, 1978

דאָס בוך פון אַרום 350 זייטן, דרייסיק דערציילונגען און פאַרצייכענונגען, איז איינגעטיילט אין דריי טיילן: דערציילונגען וואָס דרייען זיך אַרום דער אַלטער היים, פּוילן; דערציילונגען פון דער נייער היים, קאַנאַדע; און פאַרצייכענונגען פון דעם שרייבערס נסיעות קיין ישראל. די טעמאַטיק פון די דערציילונגען איז פאַרשידנאַרטיק און אינטערעסאַנט. יעדע דערציילונג איז וועגן אַ באַזונדערע פּאַסירונג, און ס'איז אויך דאָ אַ געוויסע אינערלעכע פאַרבינדונג צווישן די באַזונדערע טיילן. און איבער אַלע טיילן שוועבט דעם מחברס אייגנאַרטיקייט: זיין שטרענגע אָפּגעהיטקייט מיטן לשון; זיין נייגונג צו פּסיכאָלאָגירן איבער דאָס פאַרגאַנגענע און פאַרבאַרגענע — אָפט דורכן באַקאַנטן מעטאָד פון לאָזן אין גאַנג דעם שטראָם פון אונטערבאַוווסטזיין; און זיין בטיה אַריינצובריינגען אין די שילדערונגען זיין טיפע לומדות געיירשנט פון זיין פאָטער דעם חסיד און מחבר פון ספרים מיט חידושים אויפן תלמוד.

אָט די ספּעציפישע אייגנאַרטיקייט גיט צו אַ באַזונדערן חן זיינע שילדערונגען, מחמת זיי, די שילדערונגען, וואָרצלען אין דער טראַדיציע הגם זיי קומען דירעקט פון ספּעציפישע סיטואַציעס, פון לעבן. זייער ווייטער נעכטן בלייבט נאָך אַלץ נאָענט צום היינט. וואָרעם מלחמות און מגפות פאַרשניידן היינט דאָס לעבן פון יונג און אַלט פּונקט ווי נעכטן און די וועלט וואַרט נאָך אַלץ אויפן גואל פּונקט ווי אין וויטן נעכטן. אָבער די פּראָבלעמאַטיק פון גוטס און שלעכטס, פון מיטלען און צילן, פון גואל און טייוול, פון דאָס אָפענע און פאַרבאַרגענע, בלייבט נאָך אַלץ ווי געוועזן אַמאָל. דער סענסיטיווער שרייבער מוז דעריבער זיך אָפט צוריקקערן צו אָט די פּראָבלעמען און זיי שילדערן ווי ער זעט זיי.

שוין אין אָנהייב ווען מיר עפענען דאָס בוך און נעמען לייענען, דערפילן מיר ווי דאָס פאַרבאַרגענע, דאָס פאַרהוילענע שפּרייט זיך אויס איבערן שטעטל. דער פלאַקאַטן-קלעפּער מיט דער לאַמטערנע אין האַנט קלעפּט אויס אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט די פלאַקאַטן, וואָס זאָגן אָן „מאָביליזאַציע". די מלחמה, די ערשטע וועלט-מלחמה הייבט זיך אָן:

„צער האָט דעם וועג געפונען און די באָבע שרה, וואָס אין איר לשון האָט דאָס וואָרט „מאָביליזאַציע" גאָר קיין טייטש נישט, האָט די ערשטע זיך צעכליפּעט ווי אַ קליין קינד, וואָס וועקט זיך פון שלאָף... דער טאַטע האָט געוואָלט זיך באַהערשן און מצדיק את הדין זיין. זאָגט ער — עס שטייט אין דער גמרא, אַז אַ מענטש איז אין צער, די שכינה וואָס זאָגט? זי זאָגט... כביכול, אים טוט אויך ווי."

ביים לייענען זיפּערס דערציילונגען דאַכט זיך מיר טייל מאָל ווי ער וואָלט געוועזן איינער פון די לעצטע יידישע דערציילער, וואָס קענען זיך נאָך פריי באַנוצן מיט אַ גמרא, מיט אַ מאמר חז"ל. ער טראַכט נאָך אין יידישע היסטאָרישע טערמינען און ווייסט אויך ווי דאָס צו פאַרקניפּן מיט דער פאַבולע פון זיינע דערציילונגען. מען זעט דאָס נישט נאָר אין די פאַרצייכענונגען פון זיינע נסיעות קיין ישראל, נאָר אויך אין די פון דער נייער היים און אַוודאי אין די דערציילונגען פון דער אַלטער היים. מען דערקענט דאָ די צוויי שטראָמען, די צוויי אויסדרוק-פאָרמען פון דער יידישער מחשבה, דעם נגלה און דעם נסתר, דאָס אָפענע און דאָס רעאַלע וואָס אַלע קענען זען, פילן, און דאָס פאַרבאַרגענע וואָס בלויז יחידי סגולה קענען דאָס באַנעמען און, ווי זיי מיינען, אויך דערקלערן. קלאָר און דירעקט ווערט דאָס דערציילט אין דער זייער קינסטלערישער שילדערונג פון תשעה באב אין שטעטל „פון דער פאַרהוילעניש אַרויס" און אין דער לענגערער דערציילונג „מגפה".

די מגפה באַציט זיך דאָ צו דער ערש־טער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען פּוילן. ר׳ פינחס, אַ חסידישער ייד, האָט גלייך ביים אָנהייב מלחמה גע־האַלטן אַז „דער דייטש מוז מצליח זיין". אין אַ דייטשישן נצחון האָט ער געזען אַן אַתחלתא דגאולה — דעם אָנהייב פון יידי־שער אויסלייזונג, משיחס צייטן! ווען ער האָט דערהערט דאָס וואָרט „שוין", די דייטשן זיינען שוין דאָ, האָט ער אַ קעם געטאָן זיין גרויע באָרד, בהרחבה זיך אָפּ־געגאָסן די הענט, ווי ביים עסן, און הויך געמאַכט די ברכה „שהחיינו". עס האָט אים ווייניק געאַרט, וואָס ער האָט גלייך נאָך דער שהחיינו געהערט אַ זעץ אין טיר און אַ בייזן געשריי: „יודען הערויס"! ר׳ פינחס האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס.

עס האָט נישט גענומען לאַנג און די מגפה האָט גענומען זיך פאַרשפּרייטן. ר׳ פינחס איז געווען פון די ערשטע געטראָפן צו ווערן פון דער מגפה. לייביש, דער קצב, האָט אים צופעליק געראַטעוועט אין צייט דורך שטאַרק רייבן דעם קער־פער מיט אַלקאָהאָל. קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי פון זיך אַליין האָט זיך געשאַפן די חברה „רייבער". דער קצב, צוויי פערד־גנבים און בייטל־שניידער זיינען געווען פון די ערשטע אין דער חברה. די שטאַרקע און פראָסטע יונגען פון פאָלק האָבן אָן שרעק איינגעשטעלט זייער לעבן, געוואָרט אין „שטיבל" מען זאָל זיי רופן ראַטעווען יידן פון דער מגפה. ר׳ פינחס האָט זיך געפילט שפל און שולדיק קעגן אַלע און אַלעמען. אים האָט זיך געדאַכט אַז פון אַלע זייטן טייטלט מען אויף אים: אָט גייט ער, דער עוכר ישראל, וואָס האָט געבעטן אויף דער פּעסט! — ר׳ פינחס, ווי געפעלן אייך עפּעס די דייטשן אייערע?

און דאָ הייבט זיך אָן זיין פּסיכאָלאָגי־שער געראַנגל מיט זיך אַליין.

ביינאַכט, ליגנדיק אין בעט, האָט ער געגלאָצט אין דער פינצטערניש, און מח־שבות איינע שוואַרצער פון דער אַנדערער האָבן אים געפּייניקט: חבלי משיח, אַז אַלע וועלן אומקומען, צו וועמען וועט משיח קומען? צו די פליגן? „מען קען דאָך פון זינען אַראָפּ." ער וויל פאַרגעסן, אָבער דווקא איצט שטייט זי, די ברכה זיינע, די שהחיינו אויף די דייטשנס אַריינקומען, און קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין: מעג מען דען בעטן אויף שלעכטס? האָט ער דען נישט געקענט פאַרשטיין אַז מל־חמה איז שפיכת דמים... „מוחל די גאולה דורך אַזאַ מקור, מוחל." די פינצטערע מחשבות לאָזן אים נישט אָפּ. ער קריכט אַריין אין אַ פּלאָנטער פון בטחון און שרעק. סוף כל סוף פירט אים אָט דער געראַנגל אַראָפּ פון זינען.

— „פון זינען" — האָט אים פּלוצים אַ געדאַנק אַ פּאַק געטאָן — „פון זינען, פינחס, אַתחלתא דגאולה? אוודאי, ווי דען?"

אַנדערש און קינסטלעריש מער פאַר־הוילן איז די דערציילונג „פון דער פאַר־הוילעניש אַרויס". ס׳איז אַ רעאַליסטישע שילדערונג פון תשעה באב אין שטעטל. דער מאָטיוו פון גאולה קומט דאָ אַריין פון דער זייט, דורך דער הינטער־טיר, ווען זיין טאַטע מאַכט זיך גרייט צו גיין אין „שטיבל" און זאָגט: „עץ ווייסטאָך וואָס מ׳דאַרף טין היינט און ווי יידן פירן זיך... לאָמיר דערלעבן איבער אַ יאָר צו אַ גאולה שלימה" — דערביי זיך אויס־געדרייט מיטן פּנים צו דער הינטער־טיר און ווי עפּעס וווּנדערלעכעס גערעדט צו די זין בלויז:

„מיין טאַטע ע"ה האָט געהאַט בקבלה פון גאָר אַ הויך אָרט, אַז תשעה באב איז גלייכער אַרויסצוגיין פון שטוב דורך דער הינטערטיר. דעם טעם דער־פון האָט ער מיר נישט מגלה געווען. קען אָבער זיין אַז ס׳איז אַ רמז אַז אַבי נאָר ס׳וועט קומען די ריכטיקע רגע, וועט אויך די הינטערטיר פירן צום שער הגאולה. מ׳קען דען וויסן ווען און ווי אַזוי... עץ דאַרפט וויסן אַז סאיז אין דער בחינה „אין מגילין אלא לצנו־עין" — מ׳זאָגט עס נישט אויס, נאָר צו די געהיטענע און באַגלייבטע."

און יעקב זיפער שילדערט ווייטער די תשעה באב שפּיל פון וואַרפן שטעכלקעס צווישן קליין און גרויס:

— כאַ־כאַ־כאַ, אַ פריילעכער תשעה־באָב, ווי איז ענק און ווינד איז מיר.

יעקב זיפער איז מסתמא פון די געהי־טענע און באַגלויבטע און זוכט טאַקע אַ הינטער־טיר וואָס זאָל פירן צו דער גאולה, צו נצח ישראל. אין די שילדערונגען פון

דער נייער היים מוז זיין שווער, זייער שווער אָנצוהאַלטן דעם גאולה־מאָטיוו אויף אַ דירעקטן אופן. געפינט ער אַ הינטער־טיר דורך וועלכער ער איז גובר די שוועריקייטן: טייל מאָל באַנוצט ער זיך מיטן שפּיטאָל־בעטל ווען מען איז אונטערן חלף און היפּנאָז פון כירורג, אָדער ער נעמט צו הילף דעם „חלום", ווען דער אונטערבאַוווסטזיין הערשט פראַנק און פריי. דאַן ווערט דער נעכטן און דער היינט איין שטיק „זיין" און עפּעס ווונדערלעכס געשעט...

די דערציילונג, „דאַכטעניש אויף דער וואָר" הייבט זיך אָן ווען ער הערט זיך צו צו דער נייעס וואָס די ראַדיאָ גיט איבער. עפּעס שרעקלעכעס איז געשען: אַן ערד־ציטערניש! אין אַלע ווינקעלעך פונעם ערד־קיילעך קוילעט מען זיך איבער פוסטע פעלדער און שטיינערנע בערג־שפּיצן.. פלוצלונג וויקלען זיך אויף פאַר אים גאַנצע מגילות און אַ לאַנג פאַרגעסן בילד פון זיינע יוגנט־יאָרן. ער זיצט אין שטיבל פאַרטיפט אין אַ שווערע מחלוקת צווישן דעם תנא רבי אליעזר מיט זיינע חברים תלמידים צי דער „שלאַנג־אויוון" (תנור עכנאי) איז גערעכנט ווי אַ בנין צוגעשמידט צום אָרט און קען דעריבער נישט טמא ווערן פון אַן אומריינקייט וואָס פאַלט אין דעם אַריין, אָדער ס'איז גערעכנט ווי אַ כלי וואָס יעדע אומריינקייט איז זי מטמא. די גאַנצע פמליא אין הימל איז זיך עוסק אין דער זעלבער סוגיא צי קען אַ שרץ מטמא זיין דעם גאַנצן וועלט־געשטעל. און ער, דער יונגער יאַנקעלע, פילט ווי עס האָט אים אָנגעהויבן עקבערן אין מוח קשיות און ספיקות וועגן טהור און טמא: „וואָס־זשע מאַכט עס דען אויס צי טהור צי טמא, אַז סיי ווי קומט יעדער טייל אום אַזוי פלוצים און הילפלאָז. איז טאַקע אַלץ פאַרמשפּט פאַרברענט צו ווערן און דער וואָס זיצט אויבן וועט בלויז שמייכלען אויף דעם? עס קען דאָך נישט זיין" — האָט עס אים געפּייניקט, אין חלום צי אין פיבער, איצט, ווען די וועלט קומט אום. ער כאַפּט אָן זיין חבר און מדריך אין חסידות און וויל שוין וויסן צי איז טאַקע אַזוי דער גורל אונדזערער, אַז אַ שד זאָל אַמאָל זיין דער שליח צו ראַטעווען

יידן פון אַ צרה און דער פייערדיקער תלמיד פון רבי עקיבאן, רבי שמעון בן יוחאי זאָל עס טאַקע מקבל באהבה זיין.

— וואָס שפּרינגסטו אַזוי אַרויס פון די כלים? — זאָגט אים זיין חבר מאירטשע. „דאַרפסט וויסן אַז אַ פאָלק וואָס איז אין סכנה מוז זיך ראַטעווען מיט וואָס מ'קען און פון וואַנען עס זאָל נישט קומען אַנטקעגן. זאָל זיין פון אַ קאָזאַק, אַבי צום לעבן." נאָר יאַנקעלע, וואָס פיבערט מיט שרעק פאַר זיין פאָלק, שטעלט זיך קעגן אַזאַ געדאַנק וואָס כשרט אַלע מיטלען אַבי צום לעבן — אויב דעם שדס שליחות איז כשר, איז ווי אַזוי וועט מען אים נאָך דעם קענען פאַרטרייבן? זיין חבר מאירטשע פאַרלירט זיך נישט פון אַזאַ קשיה און ענטפערט אים, אַז „דער זין פון פאַרהוילענעם סדר־עולם האָט נאָך קיינער נישט אַנטפּלעקט. אָבער עס טרעפט אַז מ'מוז זיך אַמאָל שטעלן אויף דער זייט פון איין שד און אים העלפן בייצוקומען אַן ערגערן פון אים."

אָט די אַלטע גמרא און איר פּשט איז דאַכט זיך גאַרנישט אַזוי אַלט. עס לאָזט זיך לייכט אָנווענדן אויף היינט־צייטיקע פּראָבלעמען.

אין זיין פיבער און טראַנס פילט דער מחבר, אַז די וועלט איז אין יסורים און אַז ער אַליין האָט פאַרלאָרן דעם וועג און בלאָנדזשעט. דער ווייטיק פון דעם שניט נאָך דער אָפּעראַציע איז נאָך שאַרפער געוואָרן און רייסט אים אַרויס פונעם פלאָנטער. ער עפנט די אויגן. דאָס געלעגער איז אויסגעווייקט פון שווייס. אין קאָפּ איז אַ הוילקייט... און דאָס לעבן גייט ווייטער... ער דאַרף נאָך מאַכן זיין נסיעה קיין ישראל.

מיטן זיכרון פון ווייטן נעכטן מאַכט ער זיינע נסיעות קיין ישראל. זיפער פאָרט קיין ישראל מיט אַן „אָפן" חומשל אין האַנט. ער איז זיך מודה אַז פאַר אים איז דאָס ישראל ווערק נאָך אַלץ אַ גרויס ווונדער און אַ טיפע איבערלעבונג. אַ וועלט פון נגלה און נסתר האַלט זיך אין איין אויפדעקן און שפּרייטן פאַרן אויג און צעברויזטן געמיט. פון אויבן־אויף איז אַלץ רעאַל און פאַקטיש. אַלץ איז שוין אויסגעמאָסטן. ביסט שוין גרייט צו האָבן און זאָגן אַ מיינונג. אָבער דער טרוקענער